**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

# גאווערנער האוקול שרייבט אונטער עקזעקיוטיוו באפעל צו שאפן ניו יארק׳ס ערשטן ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳

***אום ׳עלטערע ניו יארקער טאג׳, רופט עקזעקיוטיוו באפעל פאר ברייט-ארומנעמנדע ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ אויף צו פארזיכערן אז עלטערע ניו יארקער קענען לעבן געזונט, סיפוק׳דיגע לעבנס און גלייכצייטיג זיך עלטערן מיט זעלבסט-עהרע און זעלבסטשטענדיגקייט***

***העלט דעפארטמענט און אפיס פאר עלטערנדע אנצופירן א ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע קאונסיל׳; צונויפשטעלן א ׳סטעיקהאָלדער באראטונגס קאמיטע׳***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן אן עקזעקיוטיוו באפעל צו שאפן דעם סטעיט׳ס ערשטן ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ אויף צו פארזיכערן אז עלטערע ניו יארקער קענען לעבן געזונטע, סיפוק׳דיגע לעבנס און גלייכצייטיג זיך עלטערן מיט זעלבסט-עהרע און זעלבסטשטענדיגקייט. אונטערגעשריבן אום ׳עלטערע ניו יארקער טאג׳, טוט דער עקזעקיוטיוו באפעל פאראָרדענען דעם קאמיסיאנער פונעם סטעיט העלט דעפארטמענט און דעם דירעקטאר פונעם סטעיט אפיס פאר עלטערנדע אויף אנצופירן א ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע קאונסיל׳, וואס וועט דאן צוזאמנעמען מיינונגען פון פאראינטערעסירטע סטעיקהאָלדער אויף אפצושרייבן אנווייזונגען פאר׳ן בויען געזונטע, לעבהאפטיגע קאמיוניטיס וואס באטן אן געלעגנהייטן פאר עלטערע איינוואוינער.

״אלס דעם ערשטן עלטער-גינציגע סטעיט אין דעם לאנד, זעצן מיר פאר ווייטער צו נעמען וויכטיגע שריטן צו באפולמעכטיגן און שיצן עלטערע ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער דאזיגער ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ וועט אונז צושטעלן די מיטלען אויף צו פארזיכערן אז אונזערע עלטערנדע ניו יארקער האבן צוטריט צו הויכע קוואליטעט לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג אין געזונטע, וואוינבארע קאמיוניטיס וואו זיי קענען בליען.״

גאווערנער האוקול׳ס עקזעקיוטיוו באפעל איז דער ערשטער טריט אין בויען א ברייט-ארומנעמנדע וועג-מאפע אויף נאכצוקומען די סאציאעקאנאמישע געברויכן פון אלע דורות ניו יארקער בשעת זיי עלטערן זיך. בויענדיג אויף ניו יארק סטעיט׳ס סטאטוס אלס דעם ערשטן סטעיט אין לאנד צו אפיציעל באקומען AARP׳ס עלטער-גינציגע באשטימונג, וועט דער ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ העלפן קאארדינירן עקזיסטירנדע און נייע סטעיט פּאָליסי און פראגראמען פאר עלטערע מענטשן און זייערע פאמיליעס, און גלייכצייטיג אדרעסירן שוועריגקייטן פארבינדן מיט קאמוניקאציע, קאארדינאציע, אויפפאסונג, לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג פינאנצירונג, און אינאוואטיווע אויפפאסונג מוסטערן מיט דעם ברייט-גרייכנדן ציל אויף צו דערווייטערן די מעגליכקייטן פאר מער מענטשן זיך צו עלטערן מיט זעלבסט-עהרע און זעלבסטשטענדיגקייט.

דער עקזעקיוטיוו באפעל איז אונטערגעשריבן געווארן פאראויס פון דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע יערליכער ׳עלטערע ניו יארקער טאג׳ פייערונג, וואס פארעהרט דאס וואלונטירן זיך צווישן עלטערע איינוואוינער לענגאויס דעם סטעיט. אנגעהויבן היינט 1 נאכמיטאג, וועט דער היי-יעריגער ווירטועלע פייערונג וועט פארעהרן 94 עלטערע לייט לענגאויס דעם סטעיט פאר זייער אייגנארטיגע ביישטייערונגען דורך ציווילע ארגאניזאציעס, צדקה צוועקן, אין סקול אדער ביבליאטעקן, אין נאמען פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס ארגאניזאציעס אדער אנדערע נאן-פראפיט ארגאניזאציעס, און דורך גמילות חסדים שריטן.

העלט קאמיסיאנערין דר. מערי באסעט אדער איר שטעלפארטרעטער וועט זיין פארזיצער פון ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע קאונסיל׳, אפיס פאר עלטערנדע דירעקטאר גרעג אלסען וועט דינען אלס וויצע פארזיצער, און רעלעוואנטע סטעיט אגענטור קאמיסיאנערן און דירעקטארן וועלן דינען אלס איר מיטגלידערשאפט. דער קאונסיל וועט דאן צונויפשטעלן א סטעיקהאָלדער קאמיטע, אריינגערעכנט מיטגלידער פון העלטקעיר און שטיצע סערוויס פארזארגער; קאנסומערס; אומפארמאלע אויפפאסער; עלטערע לייט — איבערהויפט אזוינע אין קאמיוניטיס וועלכע מאכן מיט אומגלייכקייטן; געזונטהייט פלאן פירמעס, ארבעטסקראפט און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, ארבעטסגעבער, מומחים אויף עלטערנדע און אקאדעמישע פארשער, צווישן אנדערע.

פריער דאס יאר האט דער סטעיט העלט דעפארטמענט אוועקגעשטעלט דעם אפיס פאר עלטערנדע און לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג צו אנטוויקלען פּאָליסיס און פראגראמען נאכצוקומען די געברויכן פון עלטערע ניו יארקער און מענטשן מיט דיסאַביליטיס וועלכע פאדערן לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג סערוויסעס און שטיצע. געשאפן אין יולי, ארבעט דער נייער אפיס נאענט מיט׳ן אפיס פאר העלט אינשורענס פראגראמען, דעם אפיס פון פריימערי קעיר און געזונטהייט סיסטעמען פארוואלטונג, און דער סטעיט אפיס פאר עלטערנדע צו קאארדינירן דעפּארטמענט פון געזונטהייט אקטיוויטעטן פארבינדן מיט עלטערנדע ניו יארקער.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט האט א לאנגע געשיכטע פון שטיצן א ברייטע ריי לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג סערוויסעס און שטיצע, און איך וויל אפלאדירן גאווערנער האוקול פאר׳ן בויען אויף די היסטאריע מיט׳ן סטעיט׳ס ערשטן ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳. די ארבעט פון אונזער דעפארטמענט׳ס לעצטנס-געשאפענע אפיס פאר עלטערנדע און לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג וועט געפירט ווערן דורך גאווערנער האוקול׳ס בליק פון א לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג סיסטעם וואס איז צוטריטליך, ווירקזאם, און צוגענגליך, א סיסטעם וואס וועט אנערקענען די אייגנארטיגע געברויכן און ערווארטונגען פון יעדע פון די יחידים וועמען עס סערווירט.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע דירעקטאר גרעג אלסען האט געזאגט,** ״דער מייסטער פלאן בויט אויף א שטארקע יסוד וואס ברענגט צוזאם סטעיט אגענטורן אין א קאארדינירטע באמיאונג צוצושטעלן געלעגנהייטן און שטיצע פאר עלטערע מענטשן און זייערע פאמיליעס. אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, דערגרייכט דער שטארקע, מולטי-סיסטעם אפרוף רעזולטאטן איבער מערערע תחומים, פון העלטקעיר צו טראנספארטאציע, צוגענגליכע האוזינג צו קאמיוניטי אנטוויקלונג, און סאציעל-באשיידנדע אייגנשאפטן פון געזונטהייט מיט שטארק באטאנען דאס פארמיידן העכערע קאסט סערוויסעס. דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע איז שטאלץ זיך צו פאראייניגן מיט׳ן העלט דעפארטמענט, צוזאמארבעט אגענטורן, און סטעיקהאָלדער אין א סיסטעמאטישע באמיאונג אויף צוזאמצוברענגען די ארבעט באזירט אויף צענדליגע יארן ערפארונג פון ארבעטן לטובת ניו יארקער עלטערע לייט אין דער קאמיוניטי.״

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט געהילף קאמיסיאנער פאר עלטערנדע און לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג אדאם הערבסט האט געזאגט,** ״דער אפיס פאר עלטערנדע און לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג וועט שפילן א קריטיש נייטיגע ראלע אין פארזיכערן אז ניו יארק וועט האבן א העלטקעיר סיסטעם וואס איז אפרופנד צו די געברויכן פון דעם סטעיט׳ס אויפשטייגנדער צאל עלטערע איינוואוינער. עס וועט העלפן פירן א ברייט אריינגעמיגע באמיאונג צו אנטוויקלען דעם סטעיט׳ס ערשטן ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳, וואס וועט איינקערפערן העלטקעיר און פובליק געזונטהייט איניציאטיוון אויף צו רעפארמירן לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג.״

**אסאסיעשען אויף עלטערנדע אין ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטארין רעבעקא פריוו האט געזאגט,** ״דער אסאסיעשען אויף עלטערנדע אין ניו יארק איז באגייסטערט אז גאווערנער האוקול, דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע, און דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט ארבעטן אלע אינאיינעם אויף צו אנטוויקלען א ברייט-ארומנעמנדע ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳. דער מייסטער פלאן בויט אויף די אויסגעצייכנטע עקזיסטירנדע ארבעט און פארשריט שוין געמאכט אין ניו יארק אויף צו פארזיכערן אז עס איז עלטער-גינציג, אריינגעמיג און צוטריטליכן ארט פאר עלטערע איינוואוינער און מענטשן פון יעדן עלטער. דער פלאן שטעלט צו א געלעגנהייט פאר צוזאמזאמלען איינגעגעבענע מיינונגען פון בירגער, מומחים און מבינים צווישן דעם פובליק און פריוואטע סעקטארן וועלכע דינען יחידים איבער א לעבנסשפאן, שטיצנדיג ניו יארקער צו ערפאלגרייך זיך עלטערן אין פלאץ.״

**העלט פאנדעישען פאר מערב און צענטראל ניו יארק פרעזידענטקע נארע או׳ברייען-סוריק האט געזאגט,** ״א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר די היינטיגע עקזעקיוטיוו באפעל וואס סאלידיזירט איר אנטשלאסנקייט צו ברייט-ארומנעמנדע ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ אין ניו יארק סטעיט. דאס איז א היסטארישער מאמענט פאר ניו יארק׳ס עלטערע לייט און אלע מענטשן וואס שאצן געזונטע עלטערונג לענגאויס דעם סטעיט. דער העלט פאנדעישען האט גע׳שתדל׳ט פאר ניו יארק צו נעמען דעם וויכטיגן טריט זינט 2021, ווען מיר זענען געווען די ערשטע ארגאניזאציע אינעם סטעיט צו רופן פאר אזא פלאן. זינט דאן, זענען מיר שטאלץ געווען צו העלפן זיין אן אפוטרופוס פאר א זעלבסטשטענדיגע, פילפארביגע קאאליציע פון נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און אקטיוויסטן — דער ניו יארק סטעיט ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ קאאליציע — וואס האט צוזאמענגעארבעט צוצושטעלן איינזעעניש און רעקאמענדאציעס וואס קענען העלפן פארזיכערן אז דער סטעיט׳ס פלאן איז אריינגעמיג, פאראנטווארטליך און קאמיוניטי פאקוסירט. מיר דאנקען גאווערנער האוקול און איר טיעם פאר׳ן העלפן פארזיכערן, ביי יעדע פאזע פון דעם פלאן׳ס איינפירונג, אז די געברויכן פון ניו יארק׳ס עלטערע לייט און די מענטשן וואס גיבן זיך אפ מיט זיי זענען דער הויפט פריאריטעט, און אז דער פלאן איז א דורכזעאיגע און מעסטבארע פראצעס געטריבן דורך די פרינציפן פון געזונטהייט גלייכקייט און געזונט פארעלטערונג. דורך פריאריטיזירן די אריינגעגעבענע מיינונגען פון די וואס זענען די נאענטסטע צו די פראבלעמען, קען ניו יארק שטאלצערהייט איינפירן א פלאן וואס האט די גרעסטע לאנג-טערמיניגע השפעה מעגליך אויף די פעאיגקייטן פון יעדן איינעם צו קענען שטייגן און בליען אין יעדן עלטער.״

**ניו יארק סטעיט ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ קאאליציע קאארדינירער באב בלאנקאטא האט געזאגט,** ״א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר די היינטיגע עקזעקיוטיוו באפעל פאר ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳. דער מאמענט קען זיין אן אונטערצינד-כוח פאר׳ן אנטוויקלען א ברייט-דורכשניידנדער, גלייכבארעכטיגטער, צווישן-דורות׳דיגער און דורכזעאיגער פלאן אויף צו פירן ניו יארק אריין אינעם צוקונפט. דער עקזעקיוטיוו באפעל שטעלט צו א סאלידער מהלך פאר׳ן אויסארבעטן א ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ וואס וועט בויען אויף, צולייגן און בעסער קאארדינירן עקזיסטירנדע סטעיט פּאָליסיס ווי עלטער-גינציגע ניו יארק סטעיט און געזונטהייט און עלטער איבער אלע פּאָליסיס. מיר זענען איבערהויפט דאנקבאר פאר׳ן גאווערנער׳ס אנערקענונג אז די אקטיווע אנטיילנעמונג פון סטעיקהאָלדער איז העכסט-נייטיג פאר אן אויספירליכן פלאן. מיר קוקן ארויס צו האבן שטארקע פארטרעטערשאפט פון אונזער קאאליציע אויף דעם סטעיקהאָלדער באראטונגס קאונסיל געשאפן דורך דעם עקזעקיוטיוו באפעל.״

דער ׳מייסטער פלאן פאר עלטערנדע׳ בויט אויף ניו יארק׳ס סטאטוס אלס דעם ערשטן עלטער-פריינטליכן סטעיט אין דעם לאנד, ווי באשטימט דורך דעם AARP און דער ׳וועלטס געזונטהייט ארגאניזאציע׳ אין 2017. דער סטאטוס איז באשטימט לויט אכט תחומים פון וואוינבארקייט: אפנלופטיגע ערטער און געביידעס; טראנספארטאציע; האָוזינג; סאציעלע אנטיילנעמונג; רעספעקט און סאציעלע אריינגעמיגקייט; ארבעט און ציווילע באשעפטיגונג; קאמוניקאציע און אינפארמאציע; קאמיוניטי און געזונטהייט סערוויסעס.

ניו יארק האט די פערטע גרעסטע באפעלקערונג פון עלטערע איינוואוינער אין די פאראייניגטע שטאטן, מיט 3.2 מיליאן ניו יארקער — בערך 16 פראצענט פון דער באפעלקערונג — איבער 65. ניו יארק׳ס באפעלקערונג פון די וואס זענען העכער 60 ווערט פאראויסגעזען צו שטייגן אויף 5.3 מיליאן ביז 2030 מיט די העכער אכציג יאר איבערשטייגנדיג 1.2 מיליאן.

אומגעפער 36 פראצענט פון ניו יארק סטעיט׳ס באפעלקערונג איז 50 יאר און העכער. די באפעלקערונג ביישטייערט 43 פראצענט — בערך 719 ביליאן דאלער — צום סטעיט׳ס גראָוס דאמעסטיק פראדוקט, טרייבט אויף 482 ביליאן דאלער אין געהאלטן און ווענדשעס און ביישטייערט 72 ביליאן דאלער אין סטעיט און ארטיגע שטייערן.

ערוואקסענע איבער 60 נעמט זיך אויך אונטער איבער 495 מיליאן שעה׳ן קאמיוניטי סערוויס יערליך ביי אן עקאנאמישע ווערד פון 13.8 ביליאן דאלער. ארום 66 פראצענט פון דער עלטער גרופע באזיצן אויך זייערע אייגענע היימען און האבן נישט קיין מאָרטגעדזש.

גאווערנער האוקול טוט ווייטער שטיצן איניציאטיוון צו בויען א מער עלטער-גינציגע ניו יארק, אריינגערעכנט 300 מיליאן דאלער צו בויען האוזינג פאר עלטערע לייט, טייל פון דעם פינף-יעריגן, 25 ביליאן דאלערדיגן ברייט-ארומנעמנדן האוזינג פלאן וואס וועט שאפן און אפהיטן 100,000 דירות פון צוגענגליכע האוזינג איבער׳ן גאנצן סטעיט. דער היי-יעריגער סטעיט בודזשעט רעכנט אויך אריין א 10 ביליאן דאלערדיגער אינוועסטירונג אין העלטקעיר אינפראסטרוקטור צו העכערן וואס עס איז פאראן פון קאמיוניטי-באזירטע אפציעס וואס ערמעגליכן עלטערע לייט זיך צו עלטערן אין פלאץ.

דער פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט פארזארגט אויך 181.5 מיליאן דאלער, אינאיינעם מיט נאך 114.9 מיליאן דאלער אין געווידמעטע פעדעראלע פינאנצירונג, פאר פראגראמען וואס שטיצן די זעלבסטשטענדיגקייט פון ניו יארק׳ס עלטערע איינוואוינער און זייערע אויפפאסער דורך דעם אפיס פאר עלטערנדע פראגראמען און שטיצע, אריינגערעכנט נייע און פארברייטערטע אינאוואציעס צו באקעמפן סאציעלע איזאלאציע מיט טעכנאלאגיע.

אלס טייל פונעם בודזשעט, האבן גאווערנער האוקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור געהעכערט די בארעכטיגקייט פון סיניארס פאר מעדיקעיד און דעם מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם. פאר ניו יארקער 65 יאר און העכער, ווערן די איינקונפט באגרעניצונגען געהעכערט ווערן צו 138 פראצענט פון דעם פעדעראלן ארעמקייט שטאפל. דאס וועט זיכער מאכן אז מער ניו יארקער האבן צוטריט צו פארלעסליכע, צוגענגליכע געזונטהייט דעקונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418